**אויף תיכף ארויסצוגעבן:**11/26/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער נייע קאוויד ווריאנט**

"מיר פאלגן נאך פון די נאענט די אויפשטייג פון דעם SARS-CoV-2 וואריאנט B.1.1.529, וועלכע איז אויך באקאנט אלץ דער 'אָומיקראָן' וואריאנט. די העלט דעפארטמענט'ס Wadsworth Center לאבארעטאריע וועט פארזעצן צו אקטיווערהייט נאכפאלגן קאוויד-19 ווירוס סעמפלס אויסגעוועלט פון פלעצער ארום גאנץ ניו יארק סטעיט צו פארגלייכן די גענעטישע אינפארמאציע און טרעפן צירקולירנדע נייע וואריאנטן. כאטש מיר האבן נאכנישט געטראפן קיינע פעלער פון 'אָומיקראָן', זענען מיר נישט איבערראשט אז נייע וואריאנטן שפראצן ארויס און אז זיי קענען מעגליך אנקומען קיין ניו יארק. מיר וועלן פארזעצן צו נאכפאלגן די שריט פון די WHO און ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין די CDC צו האלטן א נאענטע אויג אויף ווייטערע אנטוויקלונגען."

"איך וויל דערמאנען ניו יארקער צו פארזעצן צו אכטונגען גיבן אויף די באווארענונגס שריט וועלכע מיר ווייסן אז זיי רעדוצירן די פארשפרייטונג פון דעם טויטליכן ווירוס: טוט אן א מאסקע אין אינעווייניגע פובליק פלעצער, האלט אייערע הענט ריין ווי עס דארף צו זיין, גייט זיך טעסטן און בלייבט אינדערהיים ווען איר זענט קראנק. די וואקסין בלייבט אויך איינס פון אונזערע בעסטע וואפןביים באקעמפן די פאנדעמיע, און די נייעס שטרייכט ווייטער אונטער די וויכטיגקייט אז יעדער פון אונז זאל וואקסינירט ווערן און באקומען די בוסטער אויב איר זענט שוין פולשטענדיג וואקסינירט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov